# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:17
מוצאי שב"ק.....................5:45

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...............יחזקאל מ"ד-מ"ה
בבלי........................חולין כ"ה
ירושלמי....................כלאים א'
תוספתא...............פרה פרק ד'
רמב"ם.............כלי המקדש ד'


פרשת ויחי, י"ד טבת, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 15 (375)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וַיָּשֶׂם אֶת אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה.** יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט גֶעלֵייגְט זַיין רֶעכְטֶע הַאנְט צוּ בֶּענְטְשְׁן קוֹדֶם אֶפְרַיִם, און וֶוען יוֹסֵף הָאט אִים אוֹיפְגֶעמֶערְקְט אַז מְנַשֶּׁה אִיז דֶער עֶלְטֶערֶער, דֶער בְּכוֹר, הָאט אִים יַעֲקֹב אָבִינוּ גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ וֵויים אוֹיךְ פוּן דֶעם, אָבֶּער פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל אִיךְ קוֹדֶם בֶּענְטְשְׁן אֶפְרַיִם.

מוֹהַרְאַ"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי מֶען זֶעט פוּן רֶבִּי'ן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן צ"ז) אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי זַאכְן בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן אֵיין זַייט **"סוּר מֵרָע"** - מֶען דַארְף אַוֶועקְגֵיין פוּן שְׁלֶעכְטְס, נִישְׁט טוּן קַיין עֲבֵירוֹת, און פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט **"וַעֲשֵׂה טוֹב"** - מֶען דַארְף טוּן גוּטְס, מֶען דַארְף טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

דָאס אִיז מְרוּמָז אִין דִי נֶעמֶען פוּן יוֹסֵפְ'ס קִינְדֶער. **"מְנַשֶּׁה"** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן **"פַארְגֶעסְן"** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית מא, נא) **כִּי נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת כָּל עֲמָלִי,** דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז מֶען דַארְף פַארְגֶעסְן פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, מֶען דַארְף אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס. און **"אֶפְרַיִם"** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן **"פַארְמֶערְן"**, דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף פַארְמֶערְן צוּ טוּן אַסַאךְ מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים.

בֵּיידֶע זַאכְן דַארְף מֶען הָאבְּן, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעוֶוען חִילּוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן דִי הֵיילִיגֶע צַדִּיקִים, וֶועלְכֶע עֶס קוּמְט פְּרִיעֶר, דִי בַּעֲלֵי מוּסָר הָאבְּן גֶעהַאלְטְן אַז קוֹדֶם קוּמְט **"סוּר מֵרָע"**, צוּם עֶרְשְׁט דַארְף מֶען זִיךְ אָפְּשָׁאקְלֶען פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, און עֶרְשְׁט דֶערְנָאךְ קֶען מֶען זִיךְ נֶעמֶען צוּ טוּן גוּטְס.

ווִידֶער דִי תַּלְמִידֵי בַּעַל-שֵׁם-טוֹב הַקָּדוֹשׁ הָאבְּן גֶעהַאלְטְן פַארְקֶערְט, אוֹיבּ וֶועט מֶען קוֹדֶם זִיךְ נֶעמֶען נָאר צוּם **"סוּר מֵרָע"**, מֶען וֶועט נָאר אַרְבֶּעטְן זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן אִינְגַאנְצְן, וֶועט דָאס נֶעמֶען צוּ לַאנְג, און מֶען קֶיינְמָאל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּם **"עֲשֵׂה טוֹב"**, דֶערְפַאר דַארְף מֶען צוּם עֶרְשְׁט זֶען אַרַיינְצוּכַאפְּן וָואס מֶער גוּטֶע זַאכְן, נָאךְ אַ מִצְוָה, נָאךְ אַ גוּטֶע זַאךְ, און דִי כֹּחַ פוּן דִי הֵיילִיגֶע מִצְוֹת וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן, אַז מֶען זָאל אוֹיפְהֶערְן צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, יוֹסֵף וָואס עֶר אִיז בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דִי שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִין מִצְרַיִם, הָאט גֶעהַאלְטְן אַז מֶען זִיךְ קוֹדֶם אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ אַוֶועקְגֵיין פוּן דִי שְׁלֶעכְטְס, און דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעלֵייגְט מְנַשֶּׁה אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, ווִידֶער יַעֲקֹב אָבִינוּ הָאט דָאךְ אָבֶּער גֶעווּאוּסְט אַז עֶס קוּמְט אַ שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, מִיט אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר גֶעלֵייגְט אֶפְרַיִם אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט, צוּ וַוייזְן אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז, אַרַיינְצוּכַאפְּן וִוי מֶער גוּטְס מֶען קֶען, און דִי שְׁלֶעכְטְס וֶועט שׁוֹין מְמֵילָא אַוֶועק פַאלְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל לֵיל שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וַיְחִי תשס"ה)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### לָאז אָפּ יֶענֶעם

חַזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ח:) "כְּשֵׁם שֶׁפַּרְצוּפֵיהֶם שׁוֹנִים, כַּךְ דֵעוֹתֵיהֶם שׁוֹנוֹת" - אַזוֹי וִוי יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַן אַנְדֶער גֶעשְׁטַאלְט, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זֶעט אוֹיס אַנְדֶערְשׁ; דִי זֶעלְבֶּע הָאט אוֹיךְ יֶעדֶער אַנְדֶערֶע דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַנְדֶערֶע שִׁיטוֹת און עֶר הַאלְט אַנְדֶערְשׁ פוּנֶעם צְוֵוייטְן.

דָאס אִיז זֵייעֶר נָארְמַאל אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן הָאבְּן חִילּוּקֵי דֵעוֹת, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ אַ זַאךְ, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיךְ זַיינֶע נְקוּדוֹת. דָאס מֵיינְט אָבֶּער נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זִיךְ קְרִיגְן צוּלִיבּ דֶעם, און דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען דַארְף פְּרוּבִּירְן אַרוֹיפְצוּצְווִינְגֶען זַיין פַארְשְׁטַאנְד אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, אַז יֶענֶער זָאל מוּזְן הַאלְטְן אַזוֹי וִוי אִים.

יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיז בַּארֶעכְטִיגְט צוּ הָאבְּן זַיין אֵייגֶענֶע מֵיינוּנְג, אוֹיבּ אָבֶּער זַיין חָבֵר פַארְשְׁטֵייט אַנְדֶערְשׁ פוּן אִים, דַאן דַארְף מֶען נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן יֶענֶעם צוּלִיבּ דֶעם. מֶען דַארְף ווִיסְן אַז דָאס אִיז דַיין מֵיינוּנְג און דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מֵיינוּנְג. יֶעדֶער קֶען זִיךְ הַאלְטְן בַּיי זַיינְס, און נָאכְאַלְץ קֶען מֶען זִיךְ לִיבּ הָאבְּן.

חַזַ"ל זָאגְן (אָבוֹת פֶּרֶק ד') "אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת שַׁמַּאי וְהִלֵּל, אֵיזֶהוּ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם? זוֹהִי מַחְלוֹקֶת קֹרַח וַעֲדָתוֹ" - דִי מַחְלוֹקֶת פוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

גֶעבּ אַ קוּק וִוי אַזוֹי דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן: "וַיְחִי יַעֲקֹב" - יַעֲקֹב הָאט גֶעלֶעבְּט; זָאגְט מוֹהַרָא"שׁ פְּשַׁט, אַז יַעֲקֹב אָבִינוּ אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרִישׁ און לֶעבֶּעדִיג טְרָאץ אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת - צָרַת עֵשָׂו, צָרַת לָבָן, צָרַת רָחֵל, צָרַת דִינָה און צָרַת יוֹסֵף, מִיט אַלֶע זַיינֶע מִיטְמַאכֶענִישְׁן אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ לֶעבֶּעדִיגֶער אִיד און עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען לֶעבֶּעדִיג און פְרֵיילִיךְ.

אַז דוּ ווִילְסְט טַאקֶע אַרוֹיס גֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע וֵוייטָאגְן דַארְפְסְטוּ נֶעמֶען דִי עֵצָה וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעגֶעבְּן: "וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ, זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּקְט אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, אִיךְ גֶעבּ אִים גוּטְס און דָאךְ רֶעדְט עֶר זִיךְ אָפּ, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט שְׁלֶעכְט', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דַאנְקְט און לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְט זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: 'קוּק אָן דֶעם מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אִין לֶעבְּן, און עֶר אִיז אַזוֹי פְרֵיילִיךְ און דַאנְקְבַּאר, אִיךְ וֶועל אִים וַוייזְן וָואס מֵיינְט גוּט', און עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' וַיְחִי תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

**שְׁאֵלָה:**

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעפִיל צוּ אִידִישְׁקֵייט, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

לֵייבִּי

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד לֵייבִּי נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

הֶער אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז פָארְגֶעקוּמֶען בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; דוּ ווייסְט דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּ זַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אוּן פוּן זָאגְן תְּהִלִּים - אַז דָאס אִיז דֶער עִיקָר אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם. אֵיינְמָאל וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט פוּן זָאגְן תְּהִלִּים, תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן ר' יוּדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן - אוּן גֶעפְרֶעגְט: "אֵיךְ זוֹכִין שֶׁיִּהְיוּ הַדִּבּוּרִים בְּהִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב?" וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זָאגְן תְּהִלִּים אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ גֶעפִיל, אַז עֶס זָאל אַרוֹיס קוּמֶען פוּן הַאַרְץ? הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט: "תֹּאמְרוּ לִי, אֵצֶל אֵיזֶה צַדִּיק קִבַּלְתֶּם הִתְעוֹרְרוּת הַלֵּב? הָעִקָּר הוּא הָאֲמִירָה בַּפֶּה", דֶער עִיקָר אִיז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן' אֲפִילוּ אָן קַיין שׁוּם גֶעפִיל אוּן קַיין שׁוּם טַעַם (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תמא).

עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט בַּיי קַיין שׁוּם מִצְוָה: "צְרִיכִין לְהַרְגִּישׁ טַעַם בְּהַמִּצְוָה", אַז מֶען דַארְף שְׁפִּירְן אַ טַעַם וֶוען מֶען טוּט דִי מִצְוָה; עֶס שְׁטֵייט נִישְׁט אִין הִלְכוֹת תְּפִלִּין אַז מֶען קֶען לֵייגְן תְּפִלִּין נָאר וֶוען מֶען הָאט אַ גֶעפִיל. מִיר דַארְפְן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אַלֶע מַצָּבִים - נִישְׁט קַיין חִילּוּק צִי מֶען שְׁפִּירְט אַ טַעַם אָדֶער נִישְׁט.

נֶעם דִיר גוּט אַרַיין אִין קָאפּ אַז: "אִידִישְׁקֵייט הָאט גָארְנִישְׁט מִיט גֶעפִילְן"; אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ עֶר שְׁפִּירְט נִישְׁט קַיין שׁוּם טַעַם אִין זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם; דָאס דַארְף זַיין דֶער שְׁטְרֶעבְּן פוּן אַ אִיד: צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט פַּשְׁטוּת יַהֲדוּת; גֵיין דַאוְונֶען יֶעדְן טָאג שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם אַז מֶען אִיז אַ אִיד אוּן אַז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מַאךְ דִיר אַ שִׁיעוּר אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת, וֶועסְטוּ הָאבְּן חִיזּוּק צוּ זַיין אַ אִיד. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן מח): אַמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה גֶעהֶערְט אוֹיסְרוּפְן אִין הִימְל אַז עֶר הָאט פַארְלוֹירְן זַיין גַאנְצֶע עוֹלָם הַבָּא, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן דֶערְפוּן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט וָואס זִיךְ צוּ מְחַיֶּ' זַיין, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אֲנִי אוֹהֵב אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּלֹא עוֹלָם הַבָּא", אִיךְ הָאבּ לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אִיךְ וֶועל נִישְׁט הָאבְּן קַיין עוֹלָם הַבָּא! "וְכָל אָדָם אֲפִלּוּ אִישׁ פָּשׁוּט, אִי אֶפְשָׁר לִהְיוֹת אִישׁ כָּשֵׁר בֶּאֱמֶת כִּי־אִם כְּשֶׁיָּכוֹל לַעֲמֹד בְּכֹל כַּנַּ"ל", זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז יֶעדֶער אִיד וָואס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דַארְף זַיין גְרֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ מֶען וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם שְׂכַר - נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן
זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

שַׁמַאי אוּן הִלֵּל אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ מַחְלוֹקֶת פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, אוּן דִי מַחְלוֹקֶת פוּן קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן קֶעגְן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דָאס אִיז דֶער סִימְבָּאל פוּן אַ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם.

שַׁמַאי אוּן הִלֵּל הָאבְּן זִיךְ אַסַאךְ גֶעקְרִיגְט, זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר שַׁארְף גֶעהַאלְטְן אֵיינֶער קֶעגְן דֶעם צְוֵוייטְן. אַ זַאךְ וָואס אֵיינֶער הָאט גֶעהַאלְטְן אַז סְ'אִיז מוּתָּר אוּן מֶען מֶעג דָאס טוּן, הָאט דֶער צְוֵוייטֶער גֶעהַאלְטְן אוֹיף דֶעם אַז עֶס אִיז אָסוּר, אוּן מֶען דֶערְצֶערְנְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס. קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען צוּ מוֹדֶה זַיין צוּם צְוֵוייטְן. פוּן דֶעסְט וֶועגְן אִיז דִי מַחְלוֹקֶת גֶעוֶוען נָאר וֶועגְן דִי הֲלָכָה זַאךְ, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּם פֶּערְזֶענְלִיכְן לֶעבְּן הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט. דִי גְמָרָא זָאגְט (יְבָמוֹת ט"ו.) אַז אֲפִילוּ זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעקְרִיגְט אִין הֲלָכָה, פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער מְשַׁדֵּךְ גֶעוֶוען אִינְאֵיינֶעם.

דָאס מֵיינְט אַ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם. יֶעדֶער הַאלְט זִיךְ שְׁטַארְק בַּיי זַיינְס, לוֹיט וִוי אַזוֹי עֶר הַאלְט אַז דִי הֲלָכָה אִיז, אוּן עֶר אִיז בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט מַסְכִּים צוּ וָואס דֶער אַנְדֶערֶער זָאגְט. אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאבְּן זֵיי זִיךְ וַוייטֶער לִיבּ, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי זֶענֶען גְרֵייט זִיךְ מְשַׁדֵּךְ צוּ זַיין אֵיינֶער מִיטְ'ן צְוֵוייטְן.

בַּיי קֹרַח אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אַנְדֶערְשׁ. קֹרַח מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן הָאבְּן פֶּערְזֶענְלִיךְ פַּיינְט גֶעהַאט מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן מִיט אִים. חַזַ"ל זָאגְן (סַנְהֶדְרִין כ"ז:) אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּ אַ צְוֵוייטְן דְרֵיי טֶעג צוּלִיבּ פַּיינְטְשַׁאפְט, דַאן וֶוערְט עֶר אָנְגֶערוּפְן זַיין "שׂוֹנֵא", עֶר הָאט יֶענֶעם פַּיינְט. אוּן דָאס זֶעעֶן מִיר בַּיי קֹרַח אוּן זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט רֶעדְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פַּיינְט גֶעהַאט.

דָאס אִיז אַ סִימָן אַז דָאס אִיז אַ מַחְלוֹקֶת שֶׁלֹּא לְשֵׁם שָׁמַיִם, מֶען מֶעג הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ וִוי אַ צְוֵוייטְן, אוֹיבּ אָבֶּער צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען יֶענֶעם פַּיינְט, דַאן אִיז דָאס זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע סִימָן. דָאס וַוייזְט אַז מֶען זוּכְט נִישְׁט דֶעם אֱמֶת, מֶען קְרִיגְט זִיךְ נִישְׁט וַוייל מֶען הַאלְט אַנְדֶערְשׁ וִוי יֶענֶעם, וַוייל אוֹיבּ יָא וָואלְט מֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ דוּרְכְגֶערֶעדְט מִיט יֶענֶעם. מִיט דֶעם וָואס מֶען וַוייזְט אַרוֹיס פַּיינְטְשַׁאפְט, צֵייגְט דָאס אַז מֶען אִיז פָּשׁוּט מְקַנֵּא יֶענֶעם אוּן דֶערִיבֶּער הָאט מֶען יֶענֶעם פַּיינְט.

מִיט דֶעם קֶען זִיךְ יֶעדֶער מֶענְטְשׁ אִיבֶּערְצֵייגְן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוֹיבּ עֶר פִירְט אַ מַחְלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם אָדֶער נִישְׁט. אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְרֶעדְן אַז דִי מַחְלוֹקֶת וָואס עֶר פִירְט אִיז זִיכֶער בְּלוֹיז לְשֵׁם שָׁמַיִם, יֶענֶער טוּט דָאךְ מַמָּשׁ קֶעגְן דִי הֲלָכָה אוּן מֶען דַארְף יֶענֶעם אוֹיסְרַייסְן. מֶען דַארְף אָבֶּער גוּט אַרַיינְקוּקְן אוּן זֶען אוֹיבּ מֶען הָאט אַ פְּרָאבְּלֶעם בְּלוֹיז מִיט דִי הֲלָכָה, אוּן עֶס שְׁטֶערְט בְּלוֹיז דָאס וָואס יֶענֶער הַאלְט אַנְדֶערְשׁ וִוי אִים אִין דִי הֲלָכָה, וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער פֶּערְזֶענְלִיךְ צוּ יֶענֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר יֶענֶעם נִישְׁט פַּיינְט; דַאן אִיז דָאס אַ סִימָן אַז עֶר מֵיינְט עֶס טַאקֶע אֱמֶתְ'דִיג. אוֹיבּ אָבֶּער עֶר הָאט יָא פַּיינְט יֶענֶעם פֶּערְזֶענְלִיךְ, עֶר ווִיל נִישְׁט הָאבְּן קַיין שַׁייכוּת מִיט יֶענֶעם אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט רֶעדְן צוּ יֶענֶעם, דַאן קֶען דָאס צֵייגְן אַז מֶען מֵיינְט עֶס נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק לְשֵׁם שָׁמַיִם. עֶס קֶען שְׁטַארְק מֶעגְלִיךְ זַיין אַז טִיף אִין הַארְצְן הָאט מֶען פָּשׁוּט אַ קִנְאָה אוּן אַ שִׂנְאָה אוֹיף יֶענֶעם, אוּן דֶער גַאנְצֶער לְשֵׁם שָׁמַיִם נוּצְט מֶען נָאר פַאר אַ תֵּירוּץ.

### פַארְוָואס זִיךְ קְרִיגְן?

מֶען דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען אַמֶערִיקֶע הָאט צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אַרוֹיפְגֶעשִׁיקְט אַ מֶענְטְשׁ צוּ דִי לְבָנָה, הָאט מֶען אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט יֶענֶעם, וֶוען עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעלֶעבְּט דָארְטְן אוֹיף דִי לְבָנָה. אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אִיז גֶעוֶוען וִוי אַזוֹי עֶר הָאט גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְט, קוּקְנְדִיג אַרָאפּ פוּן דִי לְבָנָה.

וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי פְרַאגֶע הָאט עֶר זִיךְ צוּלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט: "וֶוען אִיךְ הָאבּ אַרָאפְּגֶעקוּקְט פוּן אוֹיבְן, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אוּנְזֶער וֶועלְטְל וִוי אַ קְלֵיינֶע בָּאלִי. אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיף דֶעם קְלֵיינֶעם בָּאלִי גֶעפִינֶען זִיךְ בִּילְיָאנֶען מֶענְטְשְׁן, זֵיי קְרִיגְן זִיךְ אַרוּם צְווִישְׁן זִיךְ, זֵיי פִירְן גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן הַרְגְ'עֶנֶען זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן. אוּן זֵיי כַאפְּן נִישְׁט וִוי זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ אַלֶע אִינְאֵיינֶעם אוֹיף אֵיין קְלֵיינֶעם בָּאלִי".

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶער לִימּוּד. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַרַיינְגֶעטוּן אִין זַיינֶע מַחְלוֹקֶתְ'ן, עֶר דַארְף זִיךְ קְרִיגְן מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, דַאן קֶען עֶר אֲפִילוּ נִישְׁט טְרַאכְטְן גְלַייךְ, זַיין גַאנְצֶער מֹחַ לִיגְט נָאר אִין דֶעם וִוי אַזוֹי עֶר קֶען זִיךְ קְרִיגְן מִיט יֶענֶעם אוּן יֶענֶעם אוּנְטֶערְבְּרֶענְגֶען. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ דֶערְהוֹיבְּט זִיךְ אָבֶּער אַבִּיסְל הֶעכֶער, עֶר קוּקְט אוֹיף דִי וֶועלְט פוּן אוֹיבְן אַרָאפּ, דַאן פַארְשְׁטֵייט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט פַארְוָואס עֶס לוֹינְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן אַזוֹיפִיל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, עֶר אִיז פַארְנוּמֶען בְּלוֹיז מִיט זִיךְ, עֶר זוּכְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי יֶענֶעם צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, אוּן עֶר זוּכְט נִישְׁט זִיךְ צוּ קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, עֶר לֶעבְּט זִיךְ אִין זַיין אֵייגְן וֶועלְטְל בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה.

> **מֶען מֶעג הַאלְטְן אַנְדֶערְשׁ פוּן אַ צְוֵוייטְן. אוֹיבּ אָבֶּער צוּלִיבּ דֶעם הָאט מֶען יֶענֶעם פַּיינְט, דַאן אִיז דָאס זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גוּטֶע סִימָן.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט דַוְקָא יָא אַרַיינְצוּשְׁטֶעקְן זַיין נָאז בַּיי יֶענֶעם, צוּ זַיין פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי אַ צְוֵוייטְן, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זִיכֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל וֶוערְן פַארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר וֶועט זַיין אַזוֹי פַארְנוּמֶען צוּ זוּכְן אַן עֵצָה אוֹיף זַיינֶע אֵייגֶענֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אַז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן אַז דֶער צְוֵוייטֶער עֶקְזִיסְטִירְט בִּכְלַל.

דֶער מִדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פח, א) אַז וֶוען פוֹטִיפַרְ'ס וַוייבּ הָאט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט דֶעם שְׁלֶעכְטְן נָאמֶען אוֹיף יוֹסֵף אוּן מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעוָוארְפְן אִין טוּרְמֶע, הָאט גַאנְץ מִצְרַיִם גֶערֶעדְט פוּן דִי מַעֲשֶׂה, אוּן מֶען

<<<<<<

>>>>>>

אִיז נָאר גֶעוֶוען פַּארְנוּמֶען מִיט דִי מַעֲשֶׂה פוּן יוֹסֵף. דַאן הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַז זֵיי זָאלְן וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיטְ'ן שַׂר הַמַּשְׁקִים אוּן דֶעם שַׂר הָאוֹפִים אַז זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט הַרְגְ'עֶנֶען פַּרְעֹה, אוּן אַזוֹי הָאט מֶען אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן פוּן יוֹסֵף. אוּן אַזוֹי אַרְבֶּעט עֶס אֵייבִּיג וֶוען מֶען ווִיל זִיךְ פַּארְלֵייגְן אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אוּמְשׁוּלְדִיג, דַאן מַאכְט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן אוּן מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּן דֶעם מֶענְטְשׁ.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה הָאט אַמָאל פַּאסִירְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ. אֵיינֶער הָאט גֶע'מַסְרְ'ט אַז דִי גֶעבֵּייְדֶע פוּן דִי בֵּית הַמִּדְרָשׁ אוּן דִי יְשִׁיבָה אִיז נִישְׁט גֶעבּוֹיעֶט גֶעוָוארְן לֶעגַאל, אוּן מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְפָארְשְׁן. אֵיין טָאג הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּקְט אִין שׁוּל עֶטְלִיכֶע פָּאלִיצֵייאִישֶׁע אוֹיסְפָארְשֶׁער מִיטְ'ן צִיל אוּנְטֶערְצוּזוּכְן דֶעם גַאנְצְן בִּנְיָן אוֹיב אַלֶעס אִיז דָארְט לֶעגַאל. זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוֹיסְצוּפָארְשְׁן מוֹהֲרָא"שׁ אוּן אִים אוֹיסְפְרֶעגְן אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אוּן חֲקִירוֹת. אִינְצְווִישְׁן הָאט אֵיינֶער פוּן זֵיי בַּאמֶערְקְט פוּן דִי פֶענְסְטֶער אַז אַ פָּאלִיצֵיי קַאר הָאט זִיךְ דָארְט אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן עֶר גֶעבְּט אַ טִיקֶעט פַאר זֵייעֶר קַאר וֶועלְכֶע אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען גֶעפַּארְקְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין. זֵייעֶר קַאר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּאצֵייכֶנְטֶע פָּאלִיצֵיי קַאר.

זֵיי זֶענֶען גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ זָאגְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי אִינְדְרוֹיסְן וֶוער זֵיי זֶענֶען אַז מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. זֵיי הָאבְּן גֶע'טַעֲנָה'ט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיךְ אוֹיסְפָארְשֶׁער אוּן זֵיי אַרְבֶּעטְן פַאר דִי פָּאלִיצֵיי דֶעפַּארְטְמֶענְט, אוּן מֶען זָאל זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן קַיין טִיקֶעט. עֶס הָאט זֵיי אָבֶּער גָארְנִישְׁט גֶעהָאלְפְן. דֶער פָּאלִיצִיַאנְט אִינְדְרוֹיסְן הָאט אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן דֶעם טִיקֶעט אוּן זֵיי עֶס גֶעגֶעבְּן, אוּן עֶר אִיז זִיךְ גֶעגַאנְגֶען וַוייטֶער.

דִי אוֹיסְפָארְשֶׁער זֶענֶען צוּרִיק אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין שׁוּל אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּרוֹיזְט אוֹיף דִי מַעֲשֶׂה, מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גְלַייךְ צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ זֵיי אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט, אַז דֶער פָּאלִיצִיַאנְט הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעהַאט קַיין רֶעכְט זֵיי צוּ גֶעבְּן אַ טִיקֶעט, זֵיי אַרְבֶּעטְן דָאךְ אוֹיךְ פַאר דִי פָּאלִיצֵיי, אוּן זֵיי זֶענֶען נָאךְ הֶעכֶער אִין רַאנְג פוּן דֶעם פְּשׁוּטְ'ן פָּאלִיצִיַאנְט וֶועלְכֶער גֵייט אַרוּם אִין דִי גַאסְן, אוּן אַזוֹי הָאט מוֹהֲרָא"שׁ זִיךְ וַוייטֶער אָנְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק פַאר זֵיי, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט אַז זָאלְן שׁוֹין אַרִיבֶּערְגֵיין אִין גֶערִיכְט אוּן קְלָאגְן דֶעם פָּאלִיצִיַאנְט פַאר זַיין גְרוֹיסֶע חוּצְפָּה...

דִי אוֹיסְפָארְשֶׁער הָאבְּן זֵייעֶר עֶרְנְסְט גֶענוּמֶען זַיינֶע וֶוערְטֶער, זֵיי הָאבְּן שׁוֹין גֶעוָואלְט לוֹיפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצִיַאנְט צוּ זֶען וֶוער עֶר אִיז גֶעוֶוען אִים צוּ קֶענֶען קְלָאגְן אִין גֶערִיכְט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זֵיי דַאן גֶעגֶעבְּן אַ פְרֶעג וָואס עֶס אִיז גֶעוָוארְן מִיט דִי גֶעבֵּייְדֶע, אוֹיב אַלֶעס אִיז אִין אָרְדֶענוּנְג... הָאבְּן זֵיי גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז אַלֶעס אִיז ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין... זֵיי הָאבְּן גְלַייךְ אוּנְטֶערְגֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע פַּאפִּירְן אַז זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פֵיין... אוּן זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעלָאפְן צוּ כַאפְּן דֶעם פָּאלִיצִיַאנְט...

וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט פַארְ'ן עוֹלָם: "יֶעצְט הָאט אִיר גֶעזֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דָאס וָואס אִיךְ זָאג אַייךְ אַלֶעמָאל. אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זוּכְט זִיךְ אָנְצוּלֵייגְן אוּן צוּ טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵייטְן, וֶועט עֶר גְלַייךְ וֶוערְן פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ אַלֵיין, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶר וֶועט מוּזְן אָפְּלָאזְן יֶענֶעם".

דָאס דַארְף זִיךְ אַ אִיד שְׁטֶענְדִיג גוּט אַרַיינְנֶעמֶען אִין קָאפּ, אַז עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג נָאר זַיין פַּארְנוּמֶען מִיט זִיךְ, עֶר זָאל אַלֶעמָאל פְּרוּבִּירְן זִיךְ אַלֵיין צוּ פַּארְבֶּעסֶערְן. וֶוען עֶס קוּמְט אָבֶּער צוּ אַ צְוֵייטְן, זָאל עֶר שְׁטֶענְדִיג נָאר קוּקְן אוֹיף יֶענֶעמְ'ס גוּטֶע חֲלָקִים, אוּן נִישְׁט זוּכְן דָאס שְׁלֶעכְטְס בַּיי יֶענֶעם, אוּן נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט אַ צְוֵייטְן.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען אַמָאל אַ אִיד צוּם הֵיילִיגְן "צֶמַח צֶדֶק" זי"ע אוּן הָאט זִיךְ אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קֶען נִישְׁט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען. וֶוען דֶער צַדִּיק הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר קוּמְט אִין שׁוּל, טְשֶׁעפֶּעט אִים יֶעדֶער אֵיינֶער, יֶעדֶער טְרֶעט אוֹיף אִים, אוּן עֶר קֶען דָאס מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן.

הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער הֵייסְט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט זִיךְ אוֹיסְלֵייגְן אִיבֶּערְ'ן גַאנְצְן שׁוּל אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט, אוּן אַזוֹי וֶועט יֶעדֶער מוּזְן טְרֶעטְן אוֹיף דִיר? דוּ שְׁטֵיי אִין דַיין ווִינְקְל, אוּן דַאן וֶועט בְּלַייבְּן גֶענוּג פְלַאץ פַאר יֶעדְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט טְרֶעטְן אוֹיף דִיר"...

וואוּיל אִיז דֶעם וָואס זִיצְט אַיין אִין זַיין ווִינְקְל, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט פַּארְנוּמֶען מִיט אַ צְוֵייטְן, דַאן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן צוּטוּן מִיט קֵיינֶעם, עֶר וֶועט זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן מִיט קֵיינֶעם, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ ח"ו עֶרֶךְ חִלּוּקֵי דֵעוֹת, וח"ז עֶרֶךְ בֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, אֲשֶׁר בְּנַחַל חֵלֶק מ"ח מִכְתָּב ח'תתי"א)

>>>>>>

דערנאך האט ער פארציילט אביסל איבער רבי נתן'ס התקרבות, און ווי אלעס וואס איז אונז געבליבן פון הייליגן רבין איז נאר א דאנק רבי נתן. און האט ארויסגעברענגט אז ער וואלט גרינג געקענט זיין א גרויסע רבי מיט חסידים וכו', אבער האט אלעס אוועקגעגעבן נאר אריינצוברענגען די התחזקות פון רבי'ן אין נאך א איד.

היינט - האט ער אויסגעפירט - מיט די הקדמות פון הייליגן רבי'ן, ווי מוהרא"ש האט אונז אויסגעלערנט, קען יעדער איד און דארף יעדער איד זיין א משפיע און אריינברענגען דעם אור פון הייליגן רבי'ן און אזוי מקרב זיין אידן צום אייבערשטן.

דערנאך איז מען ארויס א ריקוד, און זיך געפריידט מיט דעם זכות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן אז מיר זענען מקורב צו א אזא צדיק וואס פארשטייט אונז, און האט די עצות און חיזוק פאר אונזער דור.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!**

***

## צוגרייטונגען צום קומענדיגע פרייליכע חתונה אין היכל בית המדרש

א פרייליכע שטימונג הערשט אין היכל הקודש, ווען מ'גרייט זיך שוין צו א פרישע חתונה, פון א פרישע פארפאלק און מחותנים וואס האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ נישט אויסצוגעבן קיין געלט אויף נארישקייטן וואס נעמט נישט מער ווי עטליכע שעה. דער חתן און די כלה קוקן ארויס און קענען קויםווארטן אנצוהייבן זייער לעבן אין זייער נייער שטוב א טאג נאך די חתונה, עס איז ביי זיי נאריש און איבריג צו פארשווענדן אידיש געלט, צייט און טירחא פאר די "איווענט" וואס קומט און גייט ווי אן אויגן-בליק. פאר זיי איז פונקט גענוג צו פראווען א פרייליכע חתונה מיט א אידישן טעם, מיט אלע הייליגע מנהגים וואס מיר האבן במסורה דור אחר דור, אן אלע משוגעת'ן וואס יעדע שכן און יענטע מוז נאכמאכן איינער דעם צווייטן.

אין צוגרייטונג צום געהויבענעם חתונה איז פארגעקומען אן אסיפה פון אינגעלייט אנשי שלומינו, וואו מען האט ב"ה אויסגעארבעט די לעצטע דעטאלן פון די חתונה, די זמנים, די עסן, די מוזיק, א.א.וו. אז די חתונה נאכט זאל גארנישט קאסטן פאר די מחותנים, און יעדער זאל ארויסגיין צופרידן.

דער קלוגער חתן איז הב' בנציון בן מו"ה שמחה יאקאבאוויטש הי"ו, און די קלוגע כלה איז די טאכטער פון מו"ה משה ארי' שניטצלער הי"ו. סיי די חתן כלה זענען תלמידים פון די הייליגע ברסלב'ע מוסדות, און די מחותנים זענען מחשובי אנ"ש. די חתונה וועט אי"ה פארקומען דעם קומענדיגע וואך, מאנטאג פ' שמות.

עס וועט אודאי ביישטיין פאר די חתן כלה דעם גרויס זכות, פון מכבד זיין זייערע עלטערן, ביי זייער געהויבנסטע נאכט אין לעבן, צו האבן א שיינע לעבן, די שכינה זאל רוען ביי זיי אין שטוב, און צו געבענטשט ווערן מיט בני חיי ומזוני רויחי.

**קול מצהלות חתנים מחופתם!**

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (טז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט זַיינֶע מִדּוֹת אוּן תַּאֲווֹת, עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט מִיט גְרוֹיס קְדוּשָּׁה.**

### צא

אָבֶּער פַארְדֶעם, אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַזוֹי שְׁטַארְק הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר הָאט זִיךְ מַמָּשׁ פַארְ'מִיאוּס'ט פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, הָאט עֶר גֶעהַאט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶע גְרוֹיסֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָּׁה, וָואס מְ'קֶען גָארְנִישְׁט אוֹיסְרֶעכֶענֶען.

אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, וֶוען דִי בְּלוּט קָאכְט אִינֶעם מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעהַאט פִילֶע נִסְיוֹנוֹת, אוּן עֶר וָואלְט גֶעקֶענְט זִיךְ נָאכְגֶעבְּן דִי תַּאֲווֹת אַסַאךְ מָאל, אוּן דַאן אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה נִישְׁט אַרַיינְצוּפַאלְן אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעהַאלְטְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן מִיט גְרוֹיס גְבוּרָה אִיז עֶר בֵּייגֶעשְׁטַאנֶען אַלֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִיבֶּערְ'ן יֵצֶר הָרַע אוּן זִיךְ צֶעבְּרָאכְן דִי תַּאֲווֹת, אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט גֶעוואוּסְט ווִי שְׁוֶוער דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען, הָאט עֶר זִיךְ אָבֶּער נִישְׁט דֶערְוַוייטֶערְט אַ צְוֵייטֶע מָאל פוּן אָנְצוּקוּמֶען צוּ אַ נִסָּיוֹן. פַארְקֶערְט, עֶר הָאט דַוְקָא גֶעוָואלְט הָאבְּן שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, עֶר פְלֶעגְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים אוּנְטֶערְשִׁיקְן נִסְיוֹנוֹת, וַוייל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי זִיכֶער בַּיי זִיךְ אַז עֶר וֶועט זִיכֶער בַּיישְׁטֵיין דִי נִסְיוֹנוֹת, עֶר וֶועט זִיכֶער נִישְׁט דוּרְכְפַאלְן.

עֶר הָאט גֶעוואוּסְט בַּיי זִיךְ אַז אוֹיב וֶועט עֶר נָאר הָאבְּן אַ טְרָאפּ שֵׂכֶל בִּשְׁעַת סְ'קוּמְט אִים אוּנְטֶער אַ נִסָּיוֹן, וֶועט עֶר זִיכֶער נִישְׁט ווִידֶערְשְׁפֶּענִיגְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן חַס וְשָׁלוֹם, אוּן טוּן אַן עֲבֵירָה רַחֲמָנָא לִיצְלָן. ווִי אַזוֹי אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ צוּ טוּן אַן עֲבֵירָה? ווִי אַזוֹי קֶען דָאס גֶעמָאלְט זַיין עוֹבֵר צוּ זַיין אוֹיפְ'ן רָצוֹן פוּן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער?

### צב

וֶוען סְ'אִיז אִים אָבֶּער אוּנְטֶערְגֶעקוּמֶען אַ נִסָּיוֹן, אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, אוּן עֶר פְלֶעגְט דֶעמָאלְט זֵייעֶר שְׁטַארְק שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּערְ'ן נִסָּיוֹן. אוּן פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט עֶר זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק גֶעהַאלְטְן פוּן אָנְקוּמֶען נָאכְאַמָאל צוּ אַ נִסָּיוֹן, כָאטְשׁ וָואס בִּשְׁעַת דִי נִסָּיוֹן אִיז עֶס אִים גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער. אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער אַלֶע זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת. בִּיז דֶער

<<<<<<

>>>>>>

אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן זֵייעֶר זֵייעֶר הֵיילִיג אוּן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אִין קְדוּשָׁה.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז גְרֵייט גֶעוֶוען אִים אַלֶעס נָאכְצוּגֶעבְן, אַבִּי עֶר זָאל נָאכְגֶעבְן פַארְ'ן יֵצֶר הָרַע נָאר אֵיין זַאךְ. אָבֶער עֶר הָאט גֶעזָאגְט פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אַז עֶר אִיז גְרֵייט אַלֶעס אָפְּצוּלָאזְן, אוּן נָאר דַוְקָא אִין דִי זַאךְ וֶועט אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוּן עֶס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

דָאס מֵיינְט אַז דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט גֶעקֶענְט בַּאשְׁטֵיין עֶר זָאל זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אִין אַלֶע מִדּוֹת אוּן תַּאֲווֹת, נָאר עֶר זָאל מְוַותֵּר זַיין אוֹיף אֵיין זַאךְ, וַוארְשֵׁיינְלִיךְ אוֹיף דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ - אוֹיף קְדוּשָׁה - וָואס דָאס אִיז דֶער יְסוֹד פוּן אַ אִיד. אָבֶער דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַארְקֶערְט, עֶר וֶועט אַלֶעס נָאכְגֶעבְן, אָבֶער אִין קְדוּשָׁה וֶועט עֶר זִיךְ אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אוֹיפְ'ן שְׁטֶערְקְסְטְן אוֹפָן.

## צג

אוּן אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע גֶעפִירְט אִין אָנְהוֹיבּ, אַלֶע זַיינֶע כּוֹחוֹת הָאט עֶר אַרַיינְגֶעלֵייגְט נָאר אִין דֶעם, צוּ צוּבְרֶעכְן זַיין יֵצֶר הָרַע, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אִין קְדוּשָׁה, אוּן עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת, צוּ אַרְבֶּעטְן זֵיי צוּ צוּבְרֶעכְן.

לְמָשָׁל אוֹיף תַּאֲוַת אֲכִילָה הָאט עֶר בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקוּקְט דֶעמָאלְט. פַארְקֶערְט, עֶר פְלֶעגְט עֶסְן זֵייעֶר אַסַאךְ, פִיל מֶער וִוי אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער מֶענְטְשׁ עֶסְט. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט דֶעמָאלְט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען אַלֶע תַּאֲווֹת אַרַיין אִין תַּאֲוַת אֲכִילָה. אָבֶער צוּם סוֹף הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אוֹיךְ אִין תַּאֲוַת אֲכִילָה.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ זִיךְ גֶעפְּלָאגְט אוּן גֶעאַרְבֶּעט, מִיט גְרוֹיסֶע מִלְחָמוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת אָן אַ צָאל, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן. אַסַאךְ תְּפִלּוֹת אוּן בְּכִיּוֹת הָאט עֶר פַארְגָאסְן, עֶר הָאט אַסַאךְ גֶערֶעדְט אוּן גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעמוּטְשֶׁעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אַסַאךְ זִיךְ אוֹיסְגֶעגָאסְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּ אִים, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן גֶערַאטֶעוֶועט צוּ וֶוערְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת אוּן עֲבֵירוֹת, עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אֱמֶת'דִיג הֵיילִיג אוּן עֶרְלִיךְ, מִיט אַ גְרוֹיסֶע קְדוּשָׁה.

בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט צוּם סוֹף זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּייצוּשְׁטֵיין אַלֶע נִסְיוֹנוֹת. עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט, אַז עֶס אִיז אִים שׁוֹין דַאן גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶער אוֹיף אֵיינֶעם וָואס זָאגְט אַז ס'אִיז שְׁוֶוער צוּ צוּבְרֶעכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע תַּאֲווֹת, וַוייל דֶעמָאלְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזָאגְט אַז ס'אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא קַיין תַּאֲוָה.

## צד

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דִי מִיאוּס'קֵייט פוּן עֲבֵירוֹת. עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז מְ'קֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אִין דֶעם, זֵיי זֶענֶען שׁוֹין נֶעבֶּעךְ אַזוֹי מְגֻשָּׁם אַז זֵיי קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי עֶקְלְדִיגְקֵייט פוּן טוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶער דֶער אֱמֶת אִיז אַז וֶוער ס'הָאט נָאר אַבִּיסְל שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט דָאס, אוּן פַאר אִים אִיז דָאס גָאר אַן עֶקֶל צוּ קֶענֶען דוּרְכְפַאלְן אִין אַן עֲבֵירָה חַס וְשָׁלוֹם.

אַזוֹי וַוייט, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, אַז סְ'מוּז זַיין אַז סְ'אִיז דָא עֶפֶּעס אַ סוֹד אִין דֶעם אַז דָאס אִיז בִּכְלַל אַ תַּאֲוָה, וַוייל בֶּאֱמֶת אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין תַּאֲוָה, וֶוער סְ'אִיז נָאר אֲפִילוּ אַ קְלֵיינֶער חָכָם, פַארְשְׁטֵייט דָאס אַלֵיין.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## סעודת הילולא פון רבי נתן זצוק"ל

א גרויסע ציבור אנ"ש זענען זיך צוזאם געקומען דעם מאנטאג נאכט אין ביהמ"ד היכל הקודש ברסלב אין וויליאמסבורג. מען האט זיך געוואשן צו א רייכע סעודה, וואס איז נתנדב געווארן דורך מו"ה **חיים ווייס** הי"ו.

מען האט געהאט א גאסט פון ארץ ישראל, הרה"ג רבי משה קורץ שליט"א גאב"ד יבניאל, וואס האט אויפגעטרעטן. בתוך דבריו האט ער ארויסגעברענגט אז עס זענען געווען תלמידים פון הייליגן רבי'ן וואס זענען געווען פיל מער יארן ביים רבי'ן, רבי נתן איז נאר געווען די לעצטע אכט יאר פון רבי'ן, און וויאזוי האט דוקא ער אזוי מצליח געווען? נאר - האט ער נאכגעזאגט פון טולטשינער רב - אז ער האט נישט גענען א תלמיד זאל זיין אזוי איבערגעגעבן צו זיין רבי'ן ווי רבי נתן, רבי נתן האט אמאל געזאגט "איך האב מיר אויסגעהוילט מיין שכל, יעדעסווארט וואס איך האב געהערט פון רבי'ן איז געווען נאך א שטיק שכל", דערפאר דארפן מיר פאלגן די עצות פון הייליגן רבי'ן, וועלן מיר אויך מצליח זיין.

דער ראש ישיבה שליט"א האט דערנאך שטארק ארום גערעדט איבער די גרויסקייט פון הפצה, רבי נתן'ס עיקר זאך איז געווען "הפצה", דערפאר דארף יעדער זען וויאזוי ער קען אויף זיין וועג צו טון אין הפצה, צי בפועל, צי מיט געלט, און שטיצן די מפיצים אויף סיי וועלכע וועג.

ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א א לענגערע צייט ארומגערעדט דברי התחזקות והתעוררות וואס מיר דארפן ארויסנעמען פון אזא טאג, ווי אזוי רבי נתן איז אנגעקומען צום הייליגן רבי'ן, און דער עיקר וואס עס האט אים געכאפט ביים רבי'ן איז געווען דאס וואס דער רבי האט אים געזאגט די ווערטער: "און ווייטער איז גוט אז מען רעדט זיך אויס צום אייבערשטן אזוי ווי מען רעדט זיך אויס צו א גוטער פריינד", ווען רבי נתן האט געהערט די ווערטער האט ער פארשטאנען אז דאס וואס אים שוין באגלייטן און ארויסהעלפן אין סיי וועלכע מצב ער וועט זיך נאר געפונען אין לעבן, ווייל אלעס וועט ער אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן. און מיר דארפן זייער דאנקען דעם אייבערשטן אז מיר האבן געהאט רבי נתן, ווייל אלעס וואס מיר ווייסן היינט פון הייליגן רבי'ן איז נאר דורך רבי נתן וואס ער האט אלעס אפגעשריבן און איבערגעגעבן פאר די ווייטערדיגע דורות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארומגערעדט איבער דעם וואס דער הייליגער רבי לערנט אויס אז מ'קען לעבן דא אויף דער וועלט מיט'ן אייבערשטן, מ'דארף זיך נישט אפשיידן פון די וועלט, מ'קען זיין א מענטש צווישן מענטשן, און פון דעסט וועגן זאל מען זיין אינגאנצן דבוק צום אייבערשטן, צו לעבן מיט'ן אייבערשטן, און צו אויסשמועסן מיט'ן אייבערשטן יעדע זאך.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט אז היינטיגע צייטן האבן מיר זוכה געווען צו די הייליגע ספרים פון מוהרא"ש, וואס די ספרים זענען די זעלבע ווערטער פון רבי נתן, נאר אראפגעשריבן אויף א געשמאקע גרינגע וועג, אז מיר זאלן אויך קענען פארשטיין די אלע הייליגע עצות פון רבי'ן און פון רבי נתן, אז מיר זאלן קענען לעבן מיט די עצות, און האבן א גוטע לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דערנאך האט מען געבענטשט און זיך ארויסגעלאזט אין א פריילעכע רקידה.

***

אויך אין קרית יואל איז מען זיך צוזאם געקומען ליל עשרה בטבת אין ביהמ"ד היכל הקודש אין בלומינג גראוו. מ'האט זיך געוואשן צו א סעודה, און געהערט דברי התחזקות.

עס האט אויפגעטרעטן הר"ר יואל פארקאש שליט"א, גבאי ביהמ"ד היכל הקודש קרית יואל (העיס קט.), און ארויסגעברענגט אז דער ביהמ"ד האט זוכה געווען מער פון אלע בתי מדרשים פון היכל הקודש קרית יואל אז מען איז זיך צוזאם געקומען דא, ווייל דא קומען זיך צוזאם יעדן אוונט אינגעלייט וואס ארבעטן שווער א גאנצן טאג און מען לערנט א דף גמרא. דאס איז עולה על הכל. דערנאך האט ער ארויסגעברענגט אז ב"ה אכשר דרא היינט שטעלט יעדע קהילה צו א סדר צו לערנען גמרא, אבער אז מען לייגט צו דערצו דעם רבינ'ס סדר דרך הלימוד, קען עס האבן א קיום. ווייל א מענטש האט טירדות און מצבים וואס ער קען בשום אופן נישט זיך קאנצענטרירן. דארף ער ווייסן אז ער דארף זאגן די ווערטער פון די הייליגע תורה.

אויך האט ער ארויסגעברעגט די וויכטיגקייט פון פארשטיין די ווייב, וואס גייט אלץ איבער אויף איר. ווי עס ליגט א פליכט אויפ'ן מאן זיי אויפצוהייבן און פרייליך מאכן.

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **יחזקאל סאמעט** הי"ו
מלמד מומחה במוסדותינו הקדושים
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר
מו"ה **ישראל יעקב ווייס** הי"ו
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**
דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת געזונטערהייט, בני חיי ומזוני רויחי, מיט דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**
רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו
**347-509-4908**
**מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; און נאך** < 212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361
< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הגליון נתנדב לזכות מרדכי בן רות, להצלחה בכל העניינים